**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/15/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט די פארענדיגונג פון די ווילעדזש פון וועסבורי'ס דאונטאון איבעראויפבוי איניציאטיוו**

***וועסטבורי האט פארענדיגט אלע זעקס פון איר דאונטאון איבעראויפבוי איניציאטיוו פראיעקטן***

***פארענדיגטע DRI פראיעקטן טוען שאפן א טראנזיט-אריענטירטע געמיינדע צו מוטיגן האוזינג, קליינע ביזנעסער, פוסגייער צוטריט, פאבליק פלעצער און קולטורעלע איינריכטונגען***

***זעה פארדעם און נאכדעם בילדער פון וועסטבורי'ס DRI פראיעקטן [דא](#)***

***גאווערנער האט אויך געמאלדן נייע פארשריפטן ערלויבנדיג $350 מיליאן לאנג איילענד אינוועסטירונג פאנד צו שטיצן טראנספארמאטיווע רעזידענשל פראיעקטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די פארענדיגונג פון וועסטבורי'ס לעצטע דאונטאון איבעראויפבוי איניציאטיוו פראיעקט ביי א באנד-שניידן צערעמאניע פאר די ווייטע סטריטסקעיפ פאריכטונגען איבער די פאסט עוועניו קארידאר. מיט די פארענדיגומג פון די פראיעקט, האט וועסטבורי יעצט פארענדיגט אלע זעקס פון אירע פראיעקטן געפאנד אונטער די סטעיט'ס שטארק סוקסעספולע דאונטאון איבעראויפבלי איניציאטיוו. די וועסטבורי DRI איז געווארן אן אויסצייכענונג-געווינענדע מאדעל פאר טראנזיט-אריענטירטע דעוועלאפמענט אין די סטעיט, א שליסליכע באגריף אין גאווערנער האקול'ס פרואוון צו אויסברייטערן האוזינג געלעגנהייטן נעבן טראנזיט סטאנציעס.

"וועסטבורי'ס לייסטונגען שטעלט אהער די טראנספארמאטיווע ווירקונג וואס א DRI אויסצייכענונג שטעלט צו פאר די ניו יארק געמיינדעס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "וועסטבורי'ס SRI איז א געווינענדע קאמבינאציע פון פראיעקט אינוועסטירונגען וואס וועלן ערצייגן מערערע בענעפיטן פאר די געמיינדע און גרעסערע אינוועסטירונגען פאר דורות צו קומען בשעת די איבעראויפבלי פראצעדור גייט ווייטער. די וועסטבורי סוקסעס געשיכטע קען סערווירן אלס מאדעל פאר אנדערע געמיינדעס אויף לאנג איילענד און אריבער די סטעיט."

**ניו יארק סעקרעטארי אוו ראבערט דזש. ראדריגאז זאגט,** "די ווילעדזש פון וועסטבורי איז א פונקטליכע ביישפיל פון וואס די דאונטאון איבעראויפבוי איניציאטיוו צילט צו אהערשטעלן - א קאמבינאציע פון פראיעקטן און אינוועסטירונגען ואוס טוען שוין ברענגען נייע איינוואוינער און באזוכער צו די דאונטאון און פארשטערקערן די ענערגיע אין די געמיינדע. קאנגרעטולעישנס צו די ווילעדזש, די DRI לאקאלע פלאנירונג קאמיטע און די איינוואוינער פאר די אומגעהויערע דערגרייכונג, און איך קוק ארויס צו זעהן וועסטבורי בענעפיטירן פון די סוקסעס פון די פראיעקטן פאר דורות צו קומען."

די DRI האט צוגעשטעלט איבער $5.5 מיליאן פאר פוסגייער, פאבליק פלאץ און לעקטער פארבעסערונגען איבער די פאסט עוועניו קארידאר. די פראיעקט טוט אימפלעמענטירן א סעריע סטריטסקעיפ פארבעסערונגען אראפ פאסט עוועניו פון נארטערן סטעיט פארקוועי צו אלד קאנטרי ראוד, אריינגערעכנט צולייגן נייע ביימער, בענק און ביציקל ראקן; פארבעסערן לעקטער צו LED; און אויסברייטערן טייל סיידוואלקס ביי אפאר אינטערסקעשנס און אראפ די זעלבע זייטיגע גאסן.

וועסטבורי האט באקומען א $10 מיליאן DRI באלוינונג אין די ערשטע רונדע פון די DRI אין 2016. די ווילעדזש'ס סטראגעגישע אינוועסטירונג פלאן קאנצענטרירט זיך אויף שאפן "א געמיינדע פאר אלע סעזאנען, פייערן איר פילפארביגקייט, טאלעראנץ און אויפנאמע." שליסל צילן נעמען אריין "שפאן א דאונטאון וואס שטיצט א לעבעדיגע געמיש פון באנוץ נאנט צו די LIRR סאנציע, העכערן פוסגייער אקטיוויטעט דאונטאון און פארבעסערן די קולטורעלע פראפיל פון די קונסט-צענטרירטע געמיינדע."

אלס טייל פון די DRI, האט וועסטבורי פארענדיגט א סומע פון זעקס איבעראויפבוי פראיעקטן:

- **איבערזאנען די דאונטאון - DRI $970,000 באלוינונג**: די ווילעדזש האט איבערגעזאונט 52 אקער פון ראונירטע פראפערטי גלייך נעבן די LIRR סטאנציע צו אויסהייבן טראנזיט-אריענטירטע אנטוויקלונג, ערלויבן פאר א געמיש פון רעזידענשל און קאמערציאלע באנוץ און מוטיגן פארמערטע געדיכהייט נעבן די LIRR סטאנציע. די איבערזאונינג איז געווארן פארענדיגט אין 2019.
- **שפאן א פוסגייער פלאזא און אינטערסקעשן פארבעסערונג ביי פאסט און יוניאן עוועניו - DRI $785,000 באלוינונג:** די פראיעקט פארבעסערט פוסגייער פארבינדונג צווישן די LIRR סטאנציע און די פאסט עוועניו פארקויף קארידאר און שאפט א נייע פוסגייער פלאזא ביי א שליסליכע ווילעדזש אינטערסעקשן פון פאסט און יוניאן עוועניוס.
- **סטריטסקעיפ פארבעסערונגען אויף פאסט עוועניו קארידאר - DRI $5,560,000 באלוינונג:** די אויסגעברייטערטע פראיעקט טוט אימפלעמענטירן א סעריע סטריטסקעיפ פארבעסערונגען אראפ פאסט עוועניו פון נארטערן סטעיט פארקוועי צו אלד קאנטרי ראוד, אריינגערעכנט צולייגן נייע ביימער, בענק און ביציקל ראקן; פארבעסערן לעקטער צו LED; און אויסברייטערן טייל סיידוואלקס ביי אפאר אינטערסקעשנס און אראפ די זעלבע זייטיגע גאסן.
- **פארוויילונג & געמיינדע פלאץ איבערפרישונגען - DRI $430,000 באלוינונג:** די ווילעדזש האט איבערגעפרישט דריי אנשטאלטן וואס מאכן אויס די וועסטבורי פארוויילונג און געמיינדע צענטער קאמפלעקס. ארבעט אריינגערעכנט: ווידער קאנפיגורירן די פארקינג לאט צו פארמערן פלאץ; דזשים פלאר רענאווירונגען; צולייגן LED לעקטער, א נייע בוילער און נייע ADA טירן; דרויסנדיגע פארב; און דאך ארבעט.
- **פארזיכערט א שטענדיגע פלאץ פאר די וועסטבורי קונסט קאנסול - DRI $1,355,000 באלוינונג:** די ווילעדזש האט גענוצט DRI פאנדס צו רענאווירן א לעצטנס געשאפענע געביידע פאר די קונסט קאנסול וואס ערמעגליכט זייערע פילע פראגראמען, פאבליק אויסשטעלונגען, לקעציעס, קונסט קלאסן, זיצונגען און אנדערע פארברענגונגען.
- **פאנד פאר ריטעין קעפיטל פארבעסערונגען - DRI $600,000 באלוינונג:** SRI פאנגס האבן ערלויבט די פארזעצונג פון די ווילעדזש'ס גאר סוקסעספולע *"ריטעיל אינסענטיוו פראגראם"* (Retail Incentive Program*)* און איר *פאסאד אימפראוומענט פראגראם* ( Facade Improvement Program) און שטעלט צו גרענטס דירעקט צו געצילטע פארקויף ביזנעסער פאר פארבעסערונגען. פאנדס זענען גענוצט געווארן צו פארבעסערן 10 קאמערציאלע געביידעס און 3 פאבליק געביידעס.

די פארענדיגונג פון וועסטבורי'ס DRI פראיעקטן קומט בערך א יאר נאך די פארענדיגונג פון איינע פון די ראיאן'ס מערסט באדייטנדע טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור פראיעקטן- די סטעיט'ס 3 LIRRטע

"טרעק עקספענשן פראיעקט פראם פלארעל פארק טו היקסוויל" ( Track Expansion Project from Floral Park to Hicksville), וואס טוט אויך אריינעמען באדייטנדע פארבעסערונגען צו די וועסטבורי LIRR סטאנציע, פוסגייער איינריכטונגען און איר נייע פארקינג גאראדזש.

די DRI האט געפאנדט וועסטבורי'ס אינאוואטיווע טראנזיט-אריענטירטע דעוועלאפמענט (Transit-Oriented Development, TOD) איבערזאונינג פון 52 אקער פון ראונירטע פראפערטי גלייך נעבן די LIRR סטאנציע. די נייע TOD זאונינג טוט שוין ברענגען נייע האוזינג און פארקויף נעבן די LIRR סטאנציע, ווי "די קארנערסאון וועסטבורי" (The Cornerstone Westbury), וואס טוט ברענגען 130 רענטאל יוניטס צו דאונטאון וועסטבורי, פון וואס 18 וועלן זיין צוגענגליכע יוניטס. צענדליגע אנדערע TOD דעוועלאפמענטס זענען אין די פריע פלאנירונג פאזעס, אריינגערעכנט די MTA'ס TOD פלאץ אויף איר לאט אויף די סאוטסייד פון די שינעס. אין גאווערנער האקול'ס סעטיט אוו די סטעיט מעסעדזש, איז TOD געווארן דערמאנט אלס א געלעגנהייט צו אדרעסירן די סטעיט'ס האוזינג קריזיס און אויסברייטערן האוזינג געלעגנהייטן נעבן טראנזיט סטאנציעס.

גאווערנער האקול האט אויך געמאלדן אז די עמפייער סטעיט דעוועלאפמעט ( Empire State Development, ESD) האט אויסגעברייטערט די לאנג איילענד אינוועסטמענט פאנד צו שטיצן טראנספארמאטיווע האוזינג דעוועלאפמענטס וואס שטיצן עקאנאמישע וואוקס און געמיינדע איבערראויפבוי איבער די ראיאן. אונטער די געענדערטע פארשריפטן, וועט די פאנד צושטעלן בעפארצוגטע פאנדינג פאר פראיעקטן וואס טוען איבערדעוועלאפן ליידיגע קאמערציאלע ערטער, באזייטיגן ראונירטע לאנד, אדער נעבן טראנזיט אדער דאונטאונס, אדער מיט געמישטע-באנוץ פלעצער. די אויסברייטערונג פון די LIIF פארשריפטן צילט צו אדרעסירן לאנג איילענד'ס האוזינג מאנגל בשעת'ן שאפן טראנספארמאטיווע דעוועלאפמענטס וואס שטופן אנגייענדע עקאנאמישע וואוקס איבער לאנג איילענד. די איבערגעמאכטע LIIF פארשריפטן קענען ווערן געפונען דא.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישינאר האופ נייט זאגט,** "די ווילעדזש פון וועסטבורי שטייט אלס א שיינענדיגע ביישפיל פון די טראנספארמאטיווע כח פון געמיינדע גייסט און פארזעהנדע פלאנירונג, ווי דעמאנסטרירט דורך די דאונטאון איבערראויפבלי איניציאטיוו. מיט די פארענדיגונג פון די DRI פראיעקטן, האט וועסטבורי ווידער אויפגעלעבט איר דאונטאון אין אן אויפגייענדע צענטער ווי קונסט, קולטור, און קאמערץ בליען. די לעצטנס אויסגעברייטערטע לאנג איילענד אינוועסטירונג פאנד פארשריפטן וועלן שטיצן ענליכע טראנספארטמאטיווע אנטוויקלונג איבער די ראיאן דורך פריאריטיזירן פראיעקטן וואס שאפן האוזינג, ברענגען עקאנאמישע וואוקס, און טוען אויפלעבן געמיינדעס."

**ניו יארק סטעיט היימען און געמיינדע רעניועל קאמישינאר רוטען וויסנאוסקעס זאגט,** "א דאנק די אויספירליכע ארבעט פארענדיגט דורך די דאונטאון איבערראויפבוי איניציאטיוו, איז וועסטבורי א שיינענדע ביישפיל פון וויאזוי מיר קענען נעמען א 10$ מיליאן סטעיט אינוועסטירונג און טראנספארמירן א דאונטאון פאר א מער גאנגבארע, קולוריש לעבעדיג, און טראנזיט-אריענטירטע געמיינדע. קאנגעטולעישנס צו אלע וואס זענען געווען פארמישט אין פאלנירן און אויספירן די איניציאטיוו - אייער ארבעט וועט אומצוויפלבאר בענעפיטירן דורות פון וועסטבורי'ס איינוואוינער, ביזנעסער, און באזוכער."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע שטודירונג און דעוועלאפמענט אויטאריטעט פרעזידענט און CEO דאורין מ. העריס זאגט,** "שטיצן ריינערע, מער נאכהאלטיגע געמיינדעס איז וויכטיג בשעת מיר באקעמפן קלימאטן טויש, און NYSERDA איז שטאלץ צו האבן צוגעשטעלט טעכנישע שטיצע און אנווייזונג אויף וועסטבורי'ס זעקס איבערגעבויטע פראיעקט. די אינוועסטירונגען טוען העלפן שאפן א געזונטערע, מער גאנגבארע דאונטאון וואס נעמט אריין אויסגעברייטערטע צוטריט צו צוגענגליכע האוזינג און ענערגיע

פעהיגע פאבליק פלעצער וואס וועלן בענעפיטירן ביידע יעצטיגע און צוקונפטיגע דורות פון וועסטבורי איינוואוינער."

**MTA טשעיר און CEO יאנא ליבער זאקגט,** "די איבערראויפבוי פון דאונטאון וועסטבורי איז פארבינדן מיט די MTA'ס "טירד טרעק" (Third Track) פראיעקט, וואס ערלויבט די LIRR צו פארמערן סערוויס צו וועסטבורי דורך 29 צוגעקומענע באנען פער טאג, איבערבויען די וועסטבורי סטאנציע, און איבערזעצן די פאסט עווניו בריק צו עלימינירן סטרייקס פון הויכע טראקס. ווען מיר אינוועסטירן אין טראנזיט, טוען מיר אינוועסטירן אין דאונטאון איבערראויפבוי, מאכנדיג גאנגבארע געמיינדעס ווי וועסטבורי א מער ציענדע פלאץ צו וואוינען, טוהן ביזנעס, און באזוכן."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט באורד טשעירמאן קעווין לאו זאגט,** "די פארענדיגטע וועסטבורי דאונטאון איבערראויפבוי איניציאטיוו איז א ביישפיל פון די טראנספארמאטיווע כח פון געמיינדע-געטריבענע פארשריט, אויסגלייכנדיג די וועג פאר אויפנאמנדע עקאנאמישע בליאונג. דורך סטראגעגישע DRI אינוועסטירונגען אין אינפראסטרוקטור, הילפסמיטלען, און געמיינדע וואוקס, טוען מיר פארשטערקערן אונזער לאקאלע עקאנאמיע פון אונטן ארויף און שאפן גוטע לאקאלע דזשאבס וואס וועלן אויפהייבן און בענעפיטירן צוקונפטיגע דורות."

**LIREDC קא-טשעירס לינדע ארמין, פרעזידענט & CEO ביי בעטפעידזש פעדעראלע קרעדיט יוניאן און דר. דזשאן נאדאר, פרעזידענט פון פארמינגדעיל סטעיט קאלעדזש, זאגט,** "דורך איבערגעטראכטע פלאנירונג און געווידמעטע מיטארבעט, האט די וועסטבורי דאונטאון איבערראויפבוי איניציאטיוו אויפגעבויט א בליענדע דאונטאון וואס שטיצט לאקאלע ביזנעסער, לעבט אויף קונסט, און ערנעהרט א געפיל פון אויפנאמע פאר איינוואוינער און באזוכער צוגלייך. מיט אויסגעברייטערטע פאבליק פלעצער, פוסגייער-פריינדליכע גאסן, און א בליענדע קונסט און קולטור סצענע, האבן מיר געשאפן א לעבעדיגע צענטער וואס ענטפאנגט אלע."

**סטעיט סענעטאר קעווין טאמעס זאגט,** "איך בין באגייסטערט צו זעהן די דאונטאון איבערראויפבוי איניציאטיוו פראיעקטן אין די ווילעדזש פון וועסטבורי אויפלעבן מיט אזא כח. די פארענדיגונג פון די טראנספארמאטיווע פראיעקטן איז א ביישפיל פון די גרויסקייט וואס קען ווערן דערגרייכט פאר אונזער געמיינדעס דורך מיטגעטיילטע וויזיעס און מיטארבעט צווישן אלע שטאפלען פון רעגירונג. וועסטבורי טוט ווייזן די וועג פאר א בעסערע צוקונפט מיט מאדערנע געמיינדע צענטערן, מאדערניזירטע פארוויילונג אנשטאלטן און א פארבעסערטע דאונטאון ביזנעס געגנט. דאס איז נאר די אנהויב - און איך בין אויפגעהייטערט איבער וואס עס קומט."

**אסעמבלימעמבער טשארלס ד. לעווין זאגט,** "עס גיבט מיר אויסערגעוועגליכע שטאלץ צו זעהן מערקווירדיגע פארשריט דערגרייכט אין דאונטאון וועסטבורין. די יעצט פארענדיגט פראיעקטן געפאנדעט דורך א ניו יארק סטעיט דאונטאון איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI) גרענט, האט גערוזאלטאט אין טראנספארטמאטיווע טוישונגען אין אינפראסטרוקטור און איינשטאלטן און מאכן וועסטבורין א ציענדע דעסטינאציע וואס מיר קענען אלע זיין שטאלץ פון."

**נאסאו קאונטי לעגיסלאטור סיעלע א. ביינאו זאגט,** "די סוקסעס פון די וועסטבורי ווילעדזש דאונטאון איבערראויפבוי איניציאטיוו איז א בויפלאן פאר אנרייצן די סארט פון טראנזיט אריענטירטע, געמישטע-באנוץ דעוועלאפמענט וואס וועט העלפן אדרעסירן אונזער ראיאן'ס אנהאלטנדע האוזינג דעפיציטן און שאפן נייע געלעגנהייטן פאר יונגע פראפעסיאנאלן און סעניארן גלייך צו בליען. אלס א כמעט לעבנסלאנגע וועסטבורי איינוואוינער, איז עס גאר באלוינענד צו זעהן אונזער געמיינזאמע ארבעט פון אזויפיל געטרייע סטעיקהאלטער איז יעצט געקומען צו ערפולונג."

**נארט העמפסטעד טאון סופערווייזער דזשעניפער דעסענא זאגט,** "היינט איז א היסטארישע געשעהניש פאר דאונטאון וועסטבורי! די סוקסעספולע פארענדיגונג פון די דאונטאון איבעראויפבוי איניציאטיוו פראיעקטן איז א באווייז צו די כח פון געמיינדע וויזיע און געמיינזאמע באמיאונגען. א דאנק צו גאווערנער האקול פאר דיין פארפליכטונג צו פארעמען א לעבעדיגע צוקונפט פאר וועסטבורי'ס דאונטאון."

**טאון אוו נארט העמפסטעד קאנסולמעמבער ראבערט דזש. טרויענא זאגט,** "וועסטבורי קען יעצט שטיין הויך אלס אן עדות צו די פאטענציאל פון טראנזיט-אריענטירטע דעוועלאפמענט און קליינע וואוקס. די דערגרייכונג שפיגלט אפ געמיינזאמע געטריישאפט פון אונזער געמיינדע, און איך דרוק אויס מיין הארציגע דאנקבארקייט צו גאווערנער האקול, די עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט קארפארעישן, און די דעפארטמענט אוו סטעיט פאר זייער אומשאפבארע שטיצע אין צושטעלן די אויסערגעווענליכע פאנדינג. צוזאמען, טוען מיר פארעמען א לעבעדיגע צוקונפט פאר וועסבורי וואס שטעלט אוועק די סטאנדארט פאר פאראנטווארטליכע און פאראויסקוקנדע שטאטישע דעוועלאפמענט."

**ווילעדזש פון וועסטבורי מעיאר פיטער קאוואלערא זאגט,** "היינט צייכנט אפ די באדייטנדע פארענדיגונג פון אונזער DRI פראיעקט רייזע. יעדע פון די זיבן געפאנדעטע פראיעקטן איז געווארן באגריפן דורך פאבליק צושטימונג מיט הונדערטער איינוואוינער און סטעיקהאלטער, און יעדע איז באמת טראנספארמאטיוו פאר אונזער געמיינדע. אונזער ציל, פון אונהייב, איז געווען צו נוצן די פאנדס קלוגערהייט צו ברענגען אונזער ווידער דעוועלאפמענט באמיאונגען צום נעקסטן שטאפל און מאכן וועסטבורי א מאדעל פאר אנדערע געמיינדעס זוכנדיג צו איבער דעוועלאפן זייערע דאונטאונס. איך טראכט אז מיר האבן געקענט דאס ערגרייכן בשעת'ן מאכן אונזער געמיינדע בעסער און מער נאכהאלטיג פאר די צוקונפט. איך וויל דאנקען די גאווערנער'ס אפיס, ווי אויך די אפיסעס פון די סעקרעטערי אוו סטעיט און היימען און געמיינדע רעניועל, וואס זענען געווען געוואלדיגע שותפים מיט אונז אין די רעאליזירונג פון אונזער פלענער און מאקסימיזירן די בענעפיטן וואס די DRI פראגראם האט געברענגט צו וועסטבורי"

**לאקאלע DRI פלאנירונג קאמיטע קא-טשעיר דעיוו קאפעל זאגט,** "איך טוה קאנגראטולירן מעיאר קאוואלארא און די ווילעדזש באורד פון טראסטיס פאר זייערע וויזיע, אנטשלאסנהייט און פירערשאפט אין אויסנוצן די דאונטאון איבעראויפבלי גרענט צו שטיצן באדייטנדע טראנזיט-ארייענטירטע דעוועלאפמעט, די 2.6$ ביליאן-דאלער LIRR "טירד טרעק" (Third Track) פראיעקט, סטריטסקעיפ פאריכטונגען און קולטורעלע קונסט צו טראנספארמירן וועסטבורי פאר א געזוכטע דעסטינאציע פאר א פילפארביגע באפעלקערונג. וועסטבורי דינט אלס א מאדעל פאר סוקסעספולע דאונטאון איבעראויפבוי אויף לאנג איילענד."

**לאנג איילענד אסאוסיעשן פרעזידענט & CEO מאט כהן זאגט,** "אויסברייטערן די טעקס באזע און שאפן מער האוזינג געלעגנהייטן וועט מוטיגן עקאנאמישע וואוקס און שטיצן די קאנקורענץ פאר ארבעטסגעבער אויף לאנג איילענד. די LIA דאנקט גאווערנער האקול פארן מאכן האוזונג פראדוקציע, ספעציפיש מער צוגענגליכע אפציעס, א פריאריטעט מיט לאנג איילענד אינוועסטירונג פאנד באלוינונגען וואס וועלן אריינגעבן נייע דעוועלאפמענטס אין געמיינדעס ווי וועסטבורי, וואס וועט אויך העלפן אדרעסירן אונזער ראיאן'ס צוגענגליכקייט קריזיס."

**לאנג איילענד בויערס אינסיטוטיצע CEO מייק פלאריא זאגט,** "מיר אפלאדירן גאווערנער האקול'ס אנגייענדע פרואוון צו אדרעסירן לאנג איילענד'ס האוזינג קריזיס. די אריינגיסונג פון הונדערטער מיליאנען דאלארן פון סטימולוס פון די לאנג איילענד אינוועסטירונג פאנד צו אדרעסירן טראנספארמאטיווע האוזינג פראיעקטן איז די סארט אויפהייטערונג וואס לאנג איילענד דארף. די סטימולוס וועט אונז העלפן איבער

אויס'משל'ען וויאזוי און ווי צו אנטוויקלען נייע האוזינג סטאק פאר יידע יונגע מענטשן און עלטערע וואס ווילן דא בלייבן, בשעת'ן שטיצן עקאנאמישע אנטוויקלונג און דזשאב וואוקס פאר די ראיאן."

**אסאוסיעישן פאר א בעסערע לאנג איילענד עקזעקיוטיוו קייל סטראבער זאגט,** "גאווערנער האקול'ס איניציאטיוו וואס אויפשפארן הונדערטער מיליאנען דאלארן אין פאנדינג האט די מעגליכקייט צו שפאן טראנספארמאטיוויע האוזינג פראיעקטן וואס איז א געווינס וואס לאנג איילענד. עס וועט העלפן איינשפאנען שטארק נויטיגע האוזינג פראיעקטן דורך סטימולוס, ואוס וועט צושטעלן היימען פאר יונגע מענטשן און ערלויבן אונזערע עלטערע זיך צו עלטערן אין פלאץ. די איניציאטיוו וועט העלפן מעין סטריט ביזנעסער מיט נייע איינקויפער ווי אויך העלפן אויפהאלטן א יונגע און לעבעדיגע ארבעטסקראפט וואס איז וויכטיג צו צוציען און האלטן גרעסערע פירמעס. לעצנס, האט עס די פאטענציאל צו אדרעסירן שליסליכע אינפרעסטרוקטור געברויכן וואס האבן פארשטאטערט אונזער ראיאן'ס עקאנאמישע וואוקס. ABLI טוט אויסלויבן גאווערנער האקול פאר די נייע פרואוו צו אדרעסירן אונזער ראיאן'ס האוזינג קריזיס."

**וועסטבורי ביזנעס פארבעסערונג דיסטריקט פרעזידענט און וועסבורי-קארל פלעיס טשעמבער אוו קאמערץ פרעזידענט פיטער ד קארבאון זאגט,** "פראגראמען ווי SRI און סטריטסקעיפ שאפן א כוואליע אפעקט וואס קען פארבעסערן די ווילעדזש, די ביזנעסער, און זייערע ארומיגע. מיר זענען גאר שטאלץ מיט די ווילעדזש פון וועסטבורי, און איך קוק ארויס צו די וואוקס וואס וועט קומען צוליב פראגראמען ווי דאס."

**שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו**

די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 2016 צו פארשנעלערן און פארברייטערן די אויפלעבונג פון שטאטישע צענטערן און געגנטער אין אלע צען ראיאנען פון די סטעיט צו דינען אלץ צענטערן פון אקטיוויטעט און טרייב קרעפטן פאר אינוועסטירונג. ווערנדיג אנגעפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט מיט הילף פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל און די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy (Research and Development Authority — איז די DRI א פרעצענדענטלאזע און שעפערישע "אומר ועושה" סטראטעגיע וואס פארט צוזאם סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע אויספירונג, און די רעזולטאטן דערפון זענען געדיכטע, פיסגייער-פריינטליכע שטאט צענטערן וואס זענען א הויפט באשטאנדטייל אינעם העלפן ניו יארק סטעיט צוריק אויפבויען איר עקאנאמיע נאך די ווירקונגען פון די קאוויד-19 פאנדעמיע, און אזוי אויך צו ערגרייכן די סטעיט'ס דרייסטע קלימאט ציהלן דורכן שטופן פאר דאס באנוץ מיט פובליק טראנספארטאציע און רעדוצירן דאס זיין געווענדן אויף פריוואטע קארן.

אין די ערשטע פינף יאר פון דעם פראגראם האט די סטעיט פארשפראכן 600 מיליאן דאלאר צו אינוועסטירן אין 59 שטאט צענטערן וועלכע זענען רייף צו אויפגעלעבט ווערן וועלכע האבן די פאטענציאל צו ווערן ווי א מאגנעט צו צוציהען נייע דעוועלאפמענטס, ביזנעס, דזשאבס, מער עקאנאמישע און האוזינג פארשידנארטיגקייט און געלעגנהייטן. מער אינפארמאציע איז צום באקומען דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן